דניאל טשאַרני

# אין קאָוונער ליטע אין 1933

איינער אַ גובערניע פון דעם אַמאָליקן תחום המושב אין דעם צאַרישן רוסלאַנד איז באַשערט געווען צו ווערן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אַ מלוכה פאַר זיך, אַ זעלבסטשטענדיקע דעמאָקראַטישע מלוכה מיט אַן אייגענער אַרמיי, מיט אַן אייגענעם „פלאָט״ אויף די וואַסערן פון ניעמאַן און מיט אייגענע „נאַציאָנאַלע מינדערהייטן״, ווי אַלע אַנדערע גרויסע מלוכות.

דאָס איז געווען, ווי איר שטויסט זיך אָן, קאָוונער גובערניע, וועלכע איז אין דעם יאָר 1915, אין דעם ערשטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויסגעליידיקט געוואָרן לחלוטין פון יידן.

צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד איז קאָוונע געווען די „צייט־ווייליקע״ הויפּט־שטאָט און אַדאַנק דעם איז קאָוונע פון אַ פריער־געוועזענער פּראָווינץ־שטאָט מיט צווישטאָקיקע מויערלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסשטאָט מיט זעקסשטאָקיקע „וואָלקנקראַצערס״ און מיט אַ רחבות־דיקער סיים־געמיינדע, וואו ביים הויפּט־אַריינגאַנג איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ „צייטווייליקע״ מצבה אויף ווילנע...

צוליב דעם, וואָס די פּאָליאַקן האָבן פאַרכאַפּט ווילנע, האָט די ליטווישע רעגירונג איבערגעריסן אַלע דיפּלאָמאַטישע, קאָנסולאַרישע און האַנדל־באַציאונגען מיט פּוילן און צווישן די צוויי שכנותדיקע לענדער איז אויסגעוואָקסן אַ כינעזישע וואַנט.

די יידישע באַפעלקערונג פון ליטע, וואָס האָט אויסגעמאַכט ניט מער ווי איין קאַרגן פּראָצענט פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק (160 טויזנט פון אַן ערך 17 מיליאָן) איז געווען אין גאַנצן איזאָלירט פון די צוויי גרעסטע יידישע קיבוצים, מיט וועמען זי איז געווען פריער געקניפּט און געבונדן און געמלעך: מיטן דריי־און־האַלב מיליאָניקן יידישן קיבוץ פון פּוילן און מיט דעם דריי־מיליאָניקן יידישן קיבוץ פון סאָוועט־רוסלאַנד.

אַזוי, למשל, פלעגט אַ בריוו פון ווילנע קיין קאָוונע, וואָס אין די אַלטע נאָרמאַלע צייטן פלעגט נעמען ניט מער ווי צוויי שעה רייזע מיט דער באַן, מוזן גיין צוערשט פון ווילנע קיין ריגע און פון ריגע פלעגט מען דעם בריוו איבערשיקן קיין קאָוונע... דאָס פלעגט נעמען, געוויינטלעך, אַ 2 וואָכן צייט, ווייל אַזאַ מין בריוו פלעגט דאָך מוזן דורכמאַכן דריי צענזורן: די פּוילישע, די לעטישע און די ליטווישע...

וואָס איז נוגע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון פּוילן, צי פון סאָוועט־רוסלאַנד — פלעגט מען זיי קיין ליטע פראָסט־פּשוט אַריינשמוגלען.

אַזוי אַרום איז דער יידישער קיבוץ פון ליטע געוואָרן אַנגעוויזן אויף זיך אַליין.

די יידיש־העברעאישע אינטעליגענץ פון קאָוונע האָט געמוזט מיט די אייגענע כוחות באַדינען דעם יידיש־העברעאישן שול־וועזן, דעם יידישן טעאַטער, דער יידישער פּרעסע, ליטעראַטור און אַלע אַנדערע וויכטיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.